**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**צענטראל ניו יארק פירער און ערוויילטע בעאמטע אינדארסירן די ניו יארק געדיכטע האוזינג פלאן נאכפאלגנדיג גאווערנער האקול'ס זיצונג אין אָנאָנדאַגאַ קאונטי**

גאווערנער קעטי האקול האט אפגעהאלטן א קאמיוניטי זיצונג מיט לאקאלע פירער און ערוויילטע בעאמטע פון אריבער צענטראל ניו יארק, אנגעפירט דורך אדמיניסטראציע בעאמטע, צו איבערערעדן די 'ניו יארק געדיכטע האוזינג' (New York Housing Compact) פלאן — די גאווערנער'ס ברייטע סטראטעגיע וואס איז אנאנסירט געווארן אין די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און צו אויפבויען 800,000 נייע הייזער אין די קומענדיגע צען יאר. ערוויילטע פאליטיקאנטן און לאקאלע פירער האבן זיך אנגערופן אין שטיצע פון דעם פלאן וואס בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס חזון צו מאכן ניו יארק מער איינוואוינער-פריינטליך, מער צוגענגליך און מער אפאָרדעבעל.

**סירעקיוס מעיאר בען וואלש האט געזאגט,** "די האוזינג קריזיס וואס פלאגט סירעקיוס און קאמיוניטיס ארום די סטעיט פארלאנגט שעפערישע און אנטשלאסענע שריט. דאס איז די סיבה פארוואס מיר האבן אנגעהויבן די Resurgent Neighborhoods (ווידער-אויפשטייגנדע געגנטער) איניציאטיוו אין סירעקיוס אין 2019 צו אויפבויען נייע הייזער פאר איין און צוויי פאמיליעס צום ערשטן מאל אין צענדליגע יארן אויף שטחים ארום די שטאט. עס איז אויך די סיבה פארוואס מיר שטופן פאר נאך כמעט 2,000 הייזער פון א הויכע קוואליטעט וועלכע ארבייטער קענען זיך ערלויבן און אזוי אויך יוניטס פאר עלטערע מענטשן אין גרויסע פראיעקטן אין די שטאט'ס דרום, צפון און מערב חלקים. גאווערנער האקול און איר מאנשאפט זענען געווען שטארקע האוזינג שותפים צו סירעקיוס. די זיצונגען אין סירעקיוס און אנדערע קאמיוניטיס זענען קריטיש וויכטיג צו ארבעטן צוזאמען מיט לאקאלע פירער, ווייל מיר דארפן שותפים אין ארגאניזאציעס און לאקאלע רעגירונגען אין שטעט, סאָב-אורבען און שטעטלישע געגנטער צו ארבעטן מיט זיי צו אדרעסירן די האוזינג שוועריגקייטן מיט וועלכע מיר אלע מוטשענען זיך צוזאמען."

**העלען האדסאן, סירעקיוס קאַמאַן קאונסיל פרעזידענט, האט געזאגט,** "איך האב גרויסע האפנונגען און איך בין באגייסטערט אז גאווערנער האקול גייט פאראויס מיט איר האוזינג איניציאטיוו. עס איז שוין לאנג צייט אז מיר זאלן כאפן א בליק אויף די פעלערהאפטיגע צושטאנד פון האוזינג אריבער NY סטעיט. א דאנק גאווערנער האקול קענען מיר אנהויבן קוקן אויף האוזינג פון א הויכע קוואליטעט און פאר צוגענגליכע פרייזן אויף אן עכטע וועג וואס וועט בענעפיטירן טענאנטס און מענטשן וואס קויפן זייער ערשטע היים אריבער די סטעיט. צו אנקוקן האוזינג מיט א ברייטע בליק וועט נישט נאר פארזיכערן האוזינג פון א הויכע קוואליטעט פאר פאמיליעס, נאר עס וועט אויך אויפטרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין קאמיוניטיס וועלכע וועלן באמת בענעפיטירן פון דיביידע זאכן."

**טשאָל מעדזשאק, סירעקיוס קאַמאַן קאונסיל מיטגליד, האט געזאגט,** "איך וויל אויסלויבן און שטיצן גאווערנער האקול פארן טראכטן אקטיווערהייט און אונטערנעמען שריט אויף די מאנגל אין אפאָרדעבעל הייזער פון א הויכע קוואליטעט אין ניו יארק. מיר דארפן פירער מיט א פאליטישע ווילן ווי די גאווערנער

וועלכע רעספעקטירן אונזערע איינוואוינער און העלפן שטיצן די קאמף פון לאקאלע רעגירונגען קעגן א וואקסנדע און פאלנדע באפעלקערונג פון שטייער-באצאלנדע איינוואוינער."

**אָנאָנדאַגאַ קאונטי לעגיסלאטארין, מערי קון, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פארגעשלאגענע האוזינג פלאן איז, אין מיינע אויגן, א גוטע אנהויב צו אדרעסירן די קריזיס וואס אונזער לאנד – און באזונדערס אונזער קאמיוניטי – גייט יעצט אריבער מיט אפאָרדעבעל האוזינג. די שאדן וואס די גרויסע אונטערשיידן אין איינקונפט האבן געהאט אויף אונזערע בירגער – און וועלכע זענען פארשטערקערט געווארן דורך די פאנדעמיע – זעהט זיך די מערסטע אן אין די וואוקס אין היימלאזיגקייט וואס מיר גייען יעצט אריבער. מענטשן וועלכע זענען קיינמאל נישט געווען היימלאז בעפאר טרעפן זיך אויף די גאס, אין קארס און אין שעלטערס, ווייל זיי קענען זיך נישט ערלויבן זייער וואקסנדע רענט. וויבאלד NYS איז א סטעיט וואס ווערט געפירט אויף א לאקאלע פארנעם, ווייס איך אז עס וועלן זיין אזעלכע וועלכע וועלן זיך קעגנשטעלן קעגן איר פלאן, אבער איך האף אז זי וועט זיך האלטן שטארק און אז די סענאט און אסעמבלי וועלן אריבערפירן די וויכטיגע ביל."

**אָנאָנדאַגאַ קאונטי לעגיסלאטארין, פעגי טשעיס, האט געזאגט,** "האוזינג איז אזוי וויכטיג פאר אונזער קאמיוניטי. דאס איז געווען א גוטע וועג, און גענוג צייטליך, אונז צו גיבן גענוג אינפארמאציע צו קענען ארויסברענגען די איינצלהייטן פון דעם פראגראם אויף א קלוגע פארנעם. איך האף אז מיר קענען פארזעצן מיט די סארטן אינהאלטסרייכע פרעזענטאציעס."

**לינאָור פעטיקאָו, CEO פון די Greater Syracuse Association of Realtors, האט געזאגט,** "צענטראל ניו יארק'ס ®REALTORS אפלאדירט גאווערנער האקול פארן אדרעסירן אונזער סטעיט'ס האוזינג מאנגל און פארן זיך אונטערנעמען צו שאפן געלעגנהייטן פאר ניו יארקער צו האבן א היים וואס זיי קענען רופן זייער אייגענע היים. א דאנק די גאווערנער'ס פירערשאפט האבן מיר געברענגט Micron צו אינוועסטירן אין אונזער ראיאן. דאס וועט העלפן אונזער עקאנאמיע און ברענגען נייע דזשאבס, אבער מיר מוזן האבן לייזונגען מיט א ברייטע השפעה ווי איר פלאן צו קענען צושטעלן הייזער פאר די וועלכע קומען צו אונזער געגנט פאר די געלעגנהייט און צו ברענגען הייזער וועלכע וועלן האלטן אונזערע יעצטיגע איינוואוינער דא."

**בען לאַקוואוד, פרעזידענט פון Housing Visions, האט געזאגט,** "פארברייטערן האוזינג פראדוקציע אריבער ניו יארק סטעיט איז א שטארקע פאליסי. פארשידנארטיגע האוזינג אפציעס זענען וויכטיג צו קענען היטן אויף לעבהאפטיגע קאמיוניטיס וועלכע דינען אויף א צופרידנשטעלנדן אופן זייערע איינוואוינער."

**קערי קוואַגליע, CEO פון .Home Headquarters, Inc, האט געזאגט,** "אלץ א נאָן-פּראפיט ארגאניזאציע וואס דעוועלאפּט אפאָרדעבעל הייזער און איינס פון די הויפט ארגאניזאציעס וועלכע גיבן הלוואות פאר מענטשן צו רענאווירן זייערע היימער אין אפסטעיט ניו יארק, ווייסן מיר ערשטהאנטיג אז מיר האבן א היסטארישע האוזינג קריזיס אין אונזער סטעיט. אונזער קאמיוניטי'ס האוזינג צושטאנד ליידט פון יארן אן אינוועסטירונג, אפט ברענגענדיג מיט זיך א קאטאסטראפאלע געמיש פון ערנסטע פארלעצונגען און געזונטהייט סכנות וועלכע ווערן ערגער יעדעס יאר וואס זיי ווערן נישט אדרעסירט. מיר האבן נישט גענוג זיכערע און אפאָרדעבעל הייזער, באזונדערס ערשטע הייזער פאר מענטשן וועלכע ווילן קויפן א הויז, פאר אונזער באפעלקערונג און מיר האבן אוודאי נישט גענוג הייזער פאר נייע ארבעטסגעבער וועלכע זוכן צו רופן צענטראל ניו יארק זייער היים. די גאווערנער'ס אמביציעזע האוזינג פלאן וועט העלפן אפסטעיט ניו יארק אינוועסטירן אין גאר נויטיגע נייע האוזינג מיט נייע טעכנאלאגיעס, פאררעכטן עקזיסטירנדע הייזער און בעסער צוגרייטן אונזער קאמיוניטי פאר די צוקונפט. מיר קוקן ארויס צו אויפבויען אויף א בעסערן אופן צוזאמען מיט גאווערנער האקול און מיט די ניו יארק סטעיט 'געדיכטע האוזינג' פלאן."

**ראקוואַן פרייד-גרין, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Blueprint 15, Inc., האט געזאגט,** "אין נאמען פון Blueprint 15, Inc., שרייב איך צו אויסדרוקן שטיצע פאר גאווערנער האקול'ס ניו יארק געדיכטע האוזינג פראגראם. צוטריט צו אפאָרדעבעל, געזונטע און זיכערע היימער פון א הויכע קוואליטעט איז קריטיש פאר אלע קאמיוניטיס אין ניו יארק סטעיט. די מאנגל אין אפאָרדעבעל הייזער פון א הויכע קוואליטעט איז איינס פון די מערסטע אונטערגעשאצטע סיבות פארוואס מענטשן האבן פארלאזט ניו יארק סטעיט אין די לעצטערע צענדליגע יארן. דזשאבס אין ניו יארק סטעיט זענען געשאפן געווארן אויף א ראטע וואס איז דריי מאל אזוי הויך ווי נייע האוזינג יוניטס בעפאר די פאנדעמיע. דער געדיכטע האוזינג פראגראם וועט העלפן פארלייכטערן די וואקסנדע קאסטן פון הייזער און רענט דורכן צושטעלן נייערע הייזער, מאכנדיג ניו יארק סטעיט פאר א פלאץ וואו עס איז מער אפאָרדעבעל צו וואוינען. מיט א נייערע זאפאס פון הייזער פון בערך 800,000 יוניטס, ווי פארגעשלאג דורך דעם ניו יארק געדיכטע האוזינג פראגראם, וועלן די פרייזן פאר הייזער אראפגיין, ברענגענדיג א רעדוקציע אין די צאל ניו יארקער וועלכע צאלן העכער פון 30 פראצענט פון זייער איינקונפט פאר האוזינג, ברענגענדיג מער ניו יארקער צו בלייבן אין ניו יארק סטעיט און אנדערע ניו יארקער זיך צו צוריקקערן און אזוי אויך נייע איינוואוינער."

**קעטלין רייט, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Greater Syracuse Land Bank, האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן האט די סירעקיוס געגנט געליטן פון א מאנגל אין אפאָרדעבעל הייזער פון א הויכע קוואליטעט. לויט די לעצטע ציפערן פון די פאראייניגטע שטאטן צענזוס, זענען מער 87 פראצענט פון סירעקיוס פאמיליעס וועלכע רענטן זייער היים אונטער לאסט פון רענט — דאס הייסט אז זיי גיבן אויס מער פון 30 פראצענט פון זייער סך הכל חודש'ליכע איינקונפט אויף האוזינג אויסגאבן. מיט Micron קומענדיג צו אונזער שטאט און די פארלאנג פאר האוזינג וואקסנדיג אין אָנאָנדאַגאַ קאונטי, ערווארטן מיר אז עס וועט נאר ווערן שווערער פאר סירעקיוס פאמיליעס צו טרעפן אפאָרדעבעל הייזער פון א הויכע קוואליטעט. די גאווערנער'ס געדיכטע האוזינג פלאן און איר איבערגעגעבנקייט צו פארגרעסערן די צאל פון אפאָרדעבעל הייזער וואלט נישט געקענט קומען אין א בעסערע צייט. נייע יוניטס וועלכע ווערן ארויפגעלייגט אויף די מארקעט וועלן זיין נישט נאר אפאָרדעבעל, נאר אויך זיכער, געזונט און פריי פון סכנות פון בליי אין די פארב. די Greater Syracuse Land Bank ארבעט שוין פאר צען יאר צו באקומען קאנטראל אויף שטחים און צוזאמשטעלן שטחים פאר נייע קאנסטרוקציע, און יעצט ווען מיר האבן די פינאנציעלע שטיצע פון ניו יארק סטעיט, זענען מיר און אונזערע אפאָרדעבעל-האוזינג שותפים אין סירעקיוס ווי HeadQuarters, Jubilee Homes און Housing Visions גרייט צו בויען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418